UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

## Title
Farhoyln Iz Der Gang / Concealed Is the Path

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/50h5p3d0

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 92(1)

**Author**
Jacob Zipper, Yankev Ziper /

**Publication Date**
1978-10-01

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

יעקב זיפּער / מאָנטרעאַל

# פאַרהוילן איז דער גאַנג

(פון די פאַרצייכענונגען: „דאַכטענישן אויף דער האַלב־וואָר“)

דעם לערער פון די לערערס, אברהם גאָלאָמב,
אַ מתנה און אַ ברכה צו די ניינציק, לאורך ימים.

פלוצים איז דער גליוועריגדיקער ווייטיק אַרום האַרץ לינדער געוואָרן, און אויך די נאַכט־שרעקן פון די קאָשמאַרישע וואַנדלונגען אין אַ פלאָנטער פון אַנגסטיקע, מאַקאַברישע זעונגען זיינען ראַפּטום צעפלאָסן געוואָרן אין אַ נעפלדיקן ערגעץ אַריין, וואָס די האַלב־פאַרמאַכטע אויגן קענען בשום אופן נישט אויסמאַרקירן צי ס'איז גאָר נאָענט צי גאָר אַ ווייטע פאַרהוילנקייט. ביסלעכווייז, כאָטש עס קומט אויס ווי אַן אייביקייט, דערשפּירסטו אַז דו נישטערסט נאָך אַלץ אין דעם נעפלדיקן מישמאַש ווידער צו דערבליקן די אָקאָרשט פאַרשווונדענע זעונגען, וואָס האָבן זיך נאָר וואָס קאַליידאָסקאָפּיש געיאָגט פאַר די אויגן. די אויסטערלישע ליכט שפּליטערן איבערן טיף־בלויען הימל מיט די מיסטעריעזע פאַרצייכענונגען וועלכע גליווערן נאָך אין אויפגעוואַכטן זיכרון, מיגיען זיך נאָך פאַר די אויגן און שטרענגסט זיך אָן מיט אַלע כוחות צו באַנעמען זייער מיין. זיי זיינען דאָך, דאַכט זיך, אַזוי קלאָר און באַקאַנט נאָך פון די ספרימלעך אין דער איבערגעלאָדענער ספרים־שראַנק אין טאַטע־מאַמעס הויז. האָסט דאָך אפילו געזען דעם שליסל צו זיי און גענומען אויסשטעלן זיי אַזוי, אַז אַלע זאָלן פאַרשטיין... נאָר וואָס נעענטער דו זעסט זיי, אַלץ בלאַסער ווערן זיי און אַנטרינען היגטערווײלעכץ אין דעם ערגעץ מיט אַ צאַפּלדיקן ציטער, וואָס שטעכלט דיין אויער און גאַנץ געביין: „אַז דו ווייסט נישט דעם גאַנג, ווי קענסטו וויסן דעם מיין?!“

רייסטו די אויגן אויף באַכצואיילן דעם צאַפּל, ווערט גאָר אַלץ פאַרהוילענער נאָך און פאַרפאַלן אין דער ווייטקייט, וואָס אפילו דער אויפגעוואַכטער זיכרון קען זי שוין נישט דערגרייכן. דאָס שמאָלע שפּי־טאָל־צימער איז פול שוין מיט דער גרויקייט פון פאַרטאָג און מאַטע שפּליטערן פון ערשטער הימל־רויטקייט. ס'איז שטיל דאָ אַרום, בלויז דער שלאָף פון ווייך שוועבנדיקע טריט שווינדלט פאַרביי דער האַלב־אָפענער טיר. פונעם אָפּגעלייגטן צימער אויף יענער זייט קאָרידאָר שווימט פלוצים אָן דער אָפּקלאַנג פונעם געשריי פון צוואַנציקטן בחור, וועמעס רוקן איז איבערגעבראָכן געוואָרן אין אַן אומגליקספאַל און ער ליגט איבעראַנאַנד שוין וואָכן־לאַנג, און ווי נאָר ער כאַפּט זיך אויף פון די פאַרשלעפער־פילן וואָס מ'גיט אים אויף איבער נאַכט, נעמט ער שרייען: „פאַרוואָס? וועקט מיך בעסער ניט אויף!“

איז דאָס דער מיין? דאָס דער באַשייד? רודערט אַ ווילע אַ מחשבה און ווערט גלייך פאַרנומען מיט צוהערן זיך צום גלעטנדיק, פאַרבענקטן צוויטשערן פון אַ פויגל צווישן די צווייגן פון קאַרשן־ביימל לעבן פענצטער זע נאָר, איבערנאַכט האָט זיך עס אָנגעטאָן אין ווייסער בליעכץ און שמייכלט מיט דעם אין צימער אַריין. — איז דאָס דער מיין? דאָס דער באַשייד? ווילט זיך נאָך אַלץ דערמאָנען און אָנקניפּן דאָס נאָר וואָס געזעענע מיטן קנויל וואָס הויערט ערגעץ אין דער פאַרהוילנקייט. מ'דאַרף נאָר קענען אַ גוטן שפּרינג טאָן אַרויף און ווייט אויסשטרעקן די הענט פאָרויס... שפּירט ער אָבער מיטן גאַנצן געביין אַז דאָס טאָר ער נישט און קען נישט מער. אָבער גיין קען ער דאָך. טאַקע פּאַמעלעך, טראָט ביי טראָט, אָבער ס'איז פאָרט געגאַנגען און מ'וועט מוזן צוקומען נעענטער ביז צום דערזען.

אָט שפּרייטן זיך טאַקע פאַר די אויגן די סטעזשקעס וועלכע ציען זיך אַרויף, אַרויף שטייגערדיק, ביז צום באַוואַלדיקטן שפּיץ וואָס איינזאַמט דאָרט אין אַ ווייסן

נעפּל. און די צווייטע ציט זיך גלייך, אַן אַספּאַלטירטע, העט אַוועק אין אַ לאַבירינט פון גאַסן און מויערן. אַלע זיינען דאָ אין געאייל און יאָגן זיך וואָס ווייטער און ווייטער. ער איילט זיך אויך, אָבער ער מוז זיך כסדר אָפּשטעלן אויף אָפּכאַפּן דעם אָטעם. ער טאָר זיך דאָך מער נישט איילן, אָבער ער מוז דאָך געפינען דאָס אָרט ווו עס ליגט פאַרבאָרגן דאָס ספרל פול מיט סודותדיקע אָנוווּנקען וואָס זאָגן אַזוי פיל צו. מיט יאָרן צוריק האָט ער זיך דאָך אויך געלאָזט זוכן דעם באַשייד דערצו. איצט, ווען די פּיס זיינען אַזוי שלאַבערדיק געוואָרן און די אויגן פאַרטונקלט, מוז ער דאָך נאָך דעם לעצטן חוב סילוקן.

אָן אַ שפּאַנט פּאָרויס פאַר אים זיין באַליבסטער תלמיד. ער וועט עס אים מיטגעבן. — וועט עס אים אָבער גרינגער מאַכן דעם שטיינערדיקן באַרג־קלעטער? כדאי צו פּרוּוון. זאָל ער עס מיטנעמען מיט זיך... באַשליסט ער אין געדאַנק און רוט זיך אָפּ אַ ווײַלע און דערבליקט פּלוצים דורך אַ בליציקן אויפלויכט צווישן מויער און מויער זיך אַליין שטיין מיט כמה יאָרן צוריק אין בעדישל משכילס בוידעם־שטיבל און פּיבער ביים אַריינקוקן אין דעם ספרל וואָס דער משכיל האָט עס בלויז צו יחידי סגולה אַנטפּלעקט. עס פלאַטערט נאָך איצט אין גאַנצן לייב דער ציטער און בליאַסק פאַר די אויגן פון די סודותדיקע צייכנס און זעונגען וואָס זיינען פאַרבאָרגן אין די שוין שטאַרק צעקנייטשטע בלעטלעך. „נעם מיט זיך, יאַנקל, און באַהאַלט עס אין אַ זיכער אָרט, ביז דער שליסל וועט זיך אָפּגעפינען...‟ טוליעט זיך יענעמס סודותדיק שעפּטש אין גאַנצן געביין, אַזוי אַז דער מהלך רב פון דאָרט ביז אַהער, שרימפּט איין צו עטלעכע שפּאַן בלויז.

אין איינער פון די הייזער מיט די משופּעדיק געדרייטע טרעפּ האָט ער עס דאָך אַוועקגעלייגט צוזאַמען מיט די תפילין ווו ער האָט עס טיף אַריינגערוקט נאָכן אַרויסשלייכן זיך פון דאָרט אויף די שפּיץ־פינגער אויף נישט צוריקקומען מער. מוז עס דאָך אָט אָ דאָ ערגעץ זיין. ער שפּירט עס און צאַפּלט פון קאָפּ ביז די פּיס ממש. — זאָל ער עס נאָר אַן עפּן טאָן, וועט ער שוין וויסן ווי אַזוי עס איבערצוענטפערן צו זיין תלמיד. ער מוז דאָך געפינען דעם שליסל — שפּאַסט ער נאָך מיטן בליק דעם אייליק טענצלדיקן גאַנג פון יונגן געשטאַלט, וואָס האַלט זיך אין איין פאַרשאָטענען און צוריק באַוויזן.

— נו, ווען־זשע שוין, ווען? — הערט ער, דאַכט זיך, זיין טענה, וואָס שפּרייט זיך אויף צוריק אונטער זיינע טענצלדיקע טריט. מאָדנע אָבער, וואָס מער ער קוקט זיך איין אינעם אומגעדולדיקן טענצלען, אַלץ קלאָרער ווערט אים, אַז דאָס איז גאָר איינער פון זיינע אייניקלעך, וואָס פלעגט אַמאָל שטאַרק ליב האָבן זיינע פאַנטאַסטישע מעשהלעך, אָבער שוין אַ צייט ווי ער קוקט מער נישט אין זיין זייט אַריין, נאָר שפּאַנט האָפּערדיק פּאָרויס מיטן אַספּאַלטירטן וועג.

ער הערט, דאַכט זיך, קלאָר פון יעדן שפּאַן אַ מין פאַרענטפערנדיק מורמלען: „פאַרשטיי, זיידע, כ׳מוז עס אַליין געפינען... כ׳מוז, און קען נישט איינהאַלטן מיין גאַנג...‟

—אַוודאי אַזוי, ווי דען? כ׳בין זייער צופרידן וואָס ער איז כאָטש געקומען אַ בליק טאָן אויף דיר דאָ און אָפּנעמען זיין חלק שלאַפקייט*) — קלינגט אים אין די אויערן פון גאַנץ ווייט דאָס ליבלעך גלעטנדיק קול פון דער מאַמען זיינען, וואָס האָט אים דערציילט וועגן אייניקל באַזוך ווען ער האָט געדרימלט אין נעכטיקן גליוועער.

—אַ לעבן אויף אים — מורמלט עס אַרום אים און די אויגן קענען זיך נישט אָפּרייסן פונעם איילנדיקן גאַנג פונעם קינד וואָס שוועבט אין אַ ציטערנדיקן קלאַנג־געזאַנג: „אַליין געפינען, זיידע, דערנאָך קומען צו —‟ מיניעט זיך פאַר די אויגן דאָס ספרל אין כלערליי רעגנבויגנדיקע קאָלירן, וואָס פאַרבלענדן דעם בליק און פאַרווישן דעם שליאַך וואָס צעפּיצלט זיך פון דעם געסל־אויסבייג אָן

*) לויט אַ מאמר אין דער גמרא, איז דער וואָס קומט באַזוכן אַ חולה, מאַכט ער אים גרינגער מיט אַ זעכציקסטל פון דער קראַנקייט . . .

אין פאַרשיידענע זייטן. ער זעט איצט מער נישט ווי הויכע געבייען מיט צוציענדיקע שילדן בלינצלען אין דעם טומל אַריין אָן אַ קול.

„נישט אַנדערש, אַז דאָס קינד איז אַריינגעגאַנגען דאָרט אַ אַנטקעגן אין דער רויט־געפאַרבטער מויער אויף וועלכער עס הענגט אַן אויפשריפט: „די באַנק אויף וועלכער איר קענט זיך פאַרלאָזן! אַלץ ווערט געהיטן פאַר אייך!“ ער גייט דאָך טאַקע אויך אַהין. מאָדנע אָבער, וואָס בעענטער ער קומט צו צום אָרט, ציט זיך די מויער אויסהעכער און דער אַריינגאַנג מיט די טרעפ גלייכט זיך אויס מיט דער וואַנט. שוין נישט פאַר אים אַזאַ קלעטער אַרויף. טרעט ער אָפּ אַביסל אָן אַ זייט ווו עס שלענגלט זיך אַן אַרויפצייער. ציט ער זיך אַרויף ביזן מיטלסטן גאָרן ווו דער אַרויפציער שטעלט זיך אָפּ. עס זעט אויס אַז דער גאַנצער גאָרן איז אַ פוסטער, נאָר דורך אַן אומגעהייער פאַרטיפט הימל־פענצטער, ווי אַן אָן־סופיקער טונעל קוים מיטן אויג צו דערבליקן, בלויט זיך אַ ליכטיקייט, וואָס שטייט נישט אויף איין אָרט, נאָר היפערט עפּעס פון איין עק צום אַנדערן, ווי עס וואָלט גענישטערט און עפּעס געזוכט אין דער טונקלקייט פון לאַנגן קאָרידאָר. פון הינטער דעם בלויען זיילעכל ליכט דערזעט ער מיט אַמאָל אַ פריינד, וועמען ער קען זייער גוט, אָבער פאַרוואָס קען ער זיך זיין נאָמען נישט דערמאָנען?

„אוי, די עלטער!“ וויל ער זיך פאַרענטפערן פאַר יענעם און אויך עפּעס אַ פרעג טאָן. קוקט אים יענער אָן אַ דערשטוינטער און וואַרפט אים צו אין איילעניש: „נישט געזען דאָ קיינעם וועמען איר קענט. גייט בעסער באַצייטנס צוריק. עס הענגט דאָ אַלץ אויף משקולת און פאַרשווינדט כהרף־עין...“ פאַרשווינדט יענער אין אַן אָפענער טיר אַריין. פרווט ער אים נאָכגיין, פאַרהאַלט אים אַן אייזיקע בלינדע וואַנט. דרייט ער זיך אויס און וויל זיך צוריקציען, עפנט זיך דער דיל אונטער די פיס און ער הענגט גאָר אויף אַ לאָד־ברעט וואָס הוידעט זיך אויף איין שפּיץ אין דער הויך, קוים מיטן אויג צו דערבליקן, און דער צווייטער רירט קוים אָן דעם גרינעם טעפּעך פון גאָרטן אונטן פון וואַנען עס שפּריצן אַרויף קאָלירטע ליכטזיילן וואַסער־שטראָמען, וואָס נישט זיי באַלייכטן עפּעס, נישט זיי וואַשן אָפּ דעם גרויען שטויב פון לאָד־ברעט, נאָר באַרירן עס קוים און פאַלן צוריק פאַרגלאָזטע אייז־צעפּלעך.

אַ פאַרצאַפּלטער כאַפּט ער זיך אָן אין דעם אָנלען פון דער הענגנדיקער פלאַטפאָרמע און דערבליקט אין דער טיף פון אַ צעעפנטער נישע אויף יענער זייט קאָרידאָר אַ פאַרכמורעט פּנים פון אַ זקן, וואָס נעמט אים דורך מיט אַזאַ טריבקייט אַז ער שפּירט ווי דאָס בלוט אין די אָדערן פרירט אים... „זעסט וויפל לאַטעס מ'דאַרף עס אַלץ לייגן?!“ ביטערט דער צעקרימטער שמייכל אויפן באַוואַקסענעם פּנים און ראָיעט זיך אין דער זעלבער צייט אינעם הויפן שקראַבעס מיט וועלכן ער איז אַרומגערינגלט. „און קיין לייטיש שיכל פאַרן קינד וועט דערפון סיי ווי נישט אַרויסקומען. ווי גאָט איז אייך ליב, פאַרפירטער פאַרהוילעניש־זוכער, קוקט נישט אַרויף צום קיילעכדיקן בלענדנדיקן שיין פון בלויען קופּאָל אויבן, ווו אַלע פאַרהוילענע שפּילעכלעך פרירן דאָרט פון קדמונים אָן. נידערט בעסער אַראָפּ צו די גראָזן, ווו עס שטאָלפּערט אַרום נאַקעט און באָרוועס דאָס ייִנגעלע מיטן נאַרן־מיצל אויפן קאָפּ זוכנדיק דאָס פאַרהוילענע שפּילעכל...“ ווערט ער אויגנבליקלעך פאַרדרייט אין אַ שווינדלדיקן געצאַפּל פון אַלע אברים, וואָס רייסט אים אויף דאָס מויל און אויערן מיט אַ טריבן געיאָמער, וואָס טראָגט זיך פון אומעטום און שרייט אָן אַ קול: „פאַרוואָס וועקט איר מיך אויף?!“

— גענוג געחלומט שוין — ווייסלט זיך פאַר די אויגן דאָס מידע פּנים פון דער קראַנקן־שוועסטער — שוין צייט אַרומצעוואַשן זיך און נעמען עפּעס אין מויל אַריין. אייער פרוי וואַרט שוין גאַנץ לאַנג אין דרויסן. כ'וועל איר זאָגן, אַז איר האָט געהאַט זייער אַ רואיקע נאַכט..... — שמייכלט זי מיט אַ קליגערישן ווונק — אמת, אַ רואיקע נאַכט געווען?!

(פון בוך: „פון נעכטן און היינט“
וואָס דערשיינט בקרוב).